# וואסער פארשליסונג מעלדונג

## אויפמערקזאם:
## <u>דאס וואסער אין דעם געביידע וועט ווערן פארשלאסן צוליב בוי-ארבעט</u>



**פראיעקט #:** ____________________________________________

**בוי-ארבעט דאטום(ס):** ____________________________________

**פארשליסונג צייטן:** __________ **a.m. / p.m.** ביז __________ **a.m. / p.m.**

**DDC פיעלד אפיס טעלעפאן נומער:** ______________________________

**קאמיוניטי קאנסטראקשאן לייעסאן:** ____________________________

**פרי-קאנסטראקשאן אנווייזונגען (היים אייגנטומער \ סופעראינטענדענטס)**
- פארשליסט דעם הויפט הויז וואלוו. פארשליסן דעם הויפט הויז וואלוו אין אייער הויז\געביידע וועט העלפן פארמיידן פראבלעמען וואס קענען פאסירן אויב סעדימענט גייט אדער אדער ווערט ארויסגעלאזט פון אייער פלאמבינג.
- עפנט איין הייס וואסער קראן העכערן הייסע וואסער הייצער.
- פארשליסט אלע אפלייענסעס וואס פארלאנגען קילע וואסער, אזוי ווי טייל עיר קאנדישאנערס.
- קוקט זיכער צו מאכן אז עס איז דא גענוג וואסער אינעם סטיעם בוילער.
- לייגט אוועק גענוג וואסער פאר אלע הויזגעזונד באנוץ צוועקן.

**מעגליכע וואסער פארשליסונג ווירקונגען (איינוואוינער)**
**אומגעווענליכע קאליר וואסער**
אויב אייער וואסער זעט אויס ברוין אדער געל, איז דער קאליר א צייטווייליגע צושטאנד און דייט נישט אן דעם אנוועזנהייט פון שעדליכע פארפעסטיגונגען. פונדעסטוועגן, טרונקט נישט און קאכט נישט מיט קיין וואסער וואס האט אן אומגעווענליכן קאליר און לאזט דאס וואסער רינען ביז ווען עס איז קלאר און קאלט.

**כלארין גערוך**
וואסער קען שמעקן פון כלארין צוליב רער רייניגונג פראצעדור וואס מען האט גענוצט דורכאויס די וואסער הויפט ארבעט. דאס וועט זיך אויסקלארן מיט די צייט.

**נידריגע דרוק**
איר קענט האבן נידריגע דרוק איינמאל וואסער ווערט צוריק אנגעצינדן.  איר קענט דארפן רייניגן אייער עירעיטאר פון סעדימענט, אדער ערזעצן דעם וואסער פילטער אין אייער פרידזשידער. פארבינדט זיך מיט DDC'ס פיעלד אפיס אינדערפרי אויב דער פראבלעם האלט אן.

**אפענע פייער היידרענטס**
איר קענט באמערקן פייער היידרענטס אפען און לויפנדיג. דאס ווערט געטון צו שווענקען דעם סיסטעם. דאס קען צומאל געלאזט ווערן רינען איבערנאכט. סיידן עס איז דא א פארפלייצונג צושטאנד, איז נישטא קיין געברויך  דאס צו באריכטן.

**אויב אייער וואסער סערוויס צינדט זיך נישט צוריק אן:**
- מאכט זיכער אז דער וואסער הויפט וואלוו פאר אייער הויז\געביידע איז געווארן צוריק אנגעצינדן. אויב איר וואוינט אין א מולטי-פאמיליע הויז אדער אפארטמענט געביידע, פרעגט אייער געביידע סופערווייזער.
- עס קען זיין א פארשפעטיגונג צוריקצוקערן וואסער סערוויס. פרעגט די שכנים אויב זיי האבן וואסער. אויב נישט, איז מעגליך אז ארבעטער ארבעטן נאך אינעם געגנט.
- צינדט אן א קראן און הערט זיך צו אויב עס איז דא פליסנדע לופט. אויב איר הערט פליסנדע לופט, לאזט אנגעצינדן דעם קראן און וואסער וועט באלד אנהויבן פליסן.
- פארבינדט זיך מיט DDC פעלד אפיס אויפן נומער וואס שטייט אויף דעם מעלדונג.

ניו יארק סיטי'ס וואסער איז כמעט גענצליך פריי פון לעד (בליי) ווען עס ווערט דעליווערט פון אונזער רעזערוואור סיסטעם צו קאסטומערס. פונדעסטוועגן, קען וואסער איינזאפן לעד פון סערוויס ליניעס און אינערליכע פלאמבינג אין טייל געביידעס און היימען. כאטש NYC נעמט די פאסיגע שריט צו פארמינערן דעם מאס פון לעד וואס קען זיך צולאזן פון א היים אייגנטומער'ס פלאמבינג\סערוויס ליניע אריין אין זייער קראן וואסער, קען פארשליסן וואסער סערוויס אדער רוטין שטערונג צום סערוויס ליניע דורכאויס וואסער אדער סוער הויפט בוי ארבעט גורם זיין צייטווייליגע העכערונגען אין לעד שטאפלען אין אייער וואסער אויב עס איז דא לעד אין אייער אינערליכע פלאמבינג. אלס א באווארעניש, רעקאמענדירן מיר צו שווענקען אייער וואסער אויב עס האט אן אומגעווענליכער קאליר פאר 15 מינוט, אדער ביז עס איז קלאר.

אויב האט איר סיי וועלכע פראגעס לגבי NYC'ס וואסער קוואליטעט אדער איר ווילט געוואלט פארלאנגען אן אומזיסטע רעזידענשל לעד טעסט פעקל, רופט 311 אדער באזוכט nyc.gov/dep/leadindrinkingwater. נאך אינפארמאציע אויף די געזונטהייט ווירקונגען פון לעד קען מען טרעפן אויף [www.cdc.gov/nceh/lead/leadinwater/default.htm](http://www.cdc.gov/nceh/lead/leadinwater/default.htm).

Para una copia en español, visite nyc.gov/watershutoff

中文翻译, 请访问 nyc.gov/watershutoff

Для копии на русском языке, посетите nyc.gov/watershutoff

Pou yon kopi nan lang kreyòl ayisyen, vizité nyc.gov/watershutoff

한국어 복사본이 필요하시면, nyc.gov/watershutoff 를 방문하여 주세요.

Dla kopii w języku polskim, odwiedzić nyc.gov/watershutoff

বাংলা কপির জন্যে, অনুগ্রহ করে nyc.gov/watershutoff ওয়েব সাইটে যোগাযোগ করুন

Pour lire ce document en français, visitez nyc.gov/watershutoff

Per una traduzione in italiano, visitare nyc.gov/watershutoff

للحصول على نسخه باللغة العربية، الذهاب إلى nyc.gov/watershutoff

ملاحظہ کریں nyc.gov/watershutoff اردو ترجمے کے لئے

פֿאַר אַ קאָפּיע אין ייִדיש, באַזוכן nyc.gov/watershutoff